ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# משניות

על מסכת

# ברכות

בלשון הקודש ואידיש

**240**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר

# משניות

## מסכת ברכות

עם פירוש הנשר הגדול רבינו עובדיה מברטנורא

והוספנו גם כן פירוש המשנה בלשון אשכנז עברי טייטש
בשולי היריעה המפרש ומבאר כל דברי רבותינו ז״ל
בעלי המשנה בקיצור נמרץ, עם פירוש הרע״ב, למען
יבינו כל עם בני ישראל את התורה שבעל פה הנמסרה
לנו על הר האלקים על ידי משה נביאו נאמן ביתו.

והתועלת הפירוש ועל מה ראינו על ככה לעשות את
הפירוש הזה כבר מלתנו אמורה והודענו זאת בשבטי
ישראל על ידי המודעה אשר הוספנו בלשון הקודש וגם על
עברי טייטש, גם נדפסה הקדמה בהתחלת כרך זה.

❖

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

# הקדמה

כה תאמר לבית יעקב ותגד לבני ישראל, יום בשורה לכם, יום בו תמלא הארץ דעה וכולם יחד מקטנם עד גדולם ידעו את אשר צוה עליהם אלהי אבותיהם ע"י משה נאמן ביתו, ונשיאו רבינו יהודה הק' חקקם בספר, להיות למשמרת לדורות עולם אשר בו יהגו עם ה', וישראל קדושים הם ודבר ה' יקר להם מכל חפציהם, ואפילו האינם לומדים ומשכילים ג"כ ישתוקקו לידע דברי תורתו, ודברי סופרים אשר חביבה עליהם יותר מיינה של תורה [ע"כ עשו והנהיגו להם עם קודש חבורות חבורות ללמוד תורה נביאים וכתובים, משנה, חיי אדם, מפי מורה ומלמד להועיל] וקטן כגדול ילכו וירוצו לשמוע דבר ה' בכל שבת וי"ט גם בימי החול בעתות הפנאי, דהיינו בין מנחה למעריב או בבקר קודם התפלה, וזאת נשארה לנו בגלות המר הזה, ורק היא שעשועינו כל ימי חיינו, רק בה נשמח ונגיל בעת שמחתנו, ורק בה איש הישראלי מאושר בעוה"ז ובעוה"ב, כמאמר התנא כך היא דרכה של תורה וכו' אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא, גם מובא בספרי עה"פ ויתא ראשי עם כו' כי בעת אשר יקיצו וירננו שוכני עפר וגם משה רבינו עמהם, ילכו כל החבורות לבדם, חברה מקרא, חברה משנה, חברה הלכה, חברה אגדה, ומשה רבינו בראשם.

לזאת התחלקו עם בני ישראל לכתות כתות, יש אשר קבעו להם למודם בתורה נביאים וכתובים ע"פ פירושים המושכים את הלב לאהבה וליראה את ה', ויש אשר קבעו להם שיעור להלכה פסוקה כמו חיי אדם, ויש אשר קבעו להם שיעור בלימוד משניות אשר המורה ילמדם בשיעור קבוע ע"פ פי' הרע"ב ז"ל, אשר באמת הוא דרך נכון כמבואר בס"י שמשנה אותיות נשמה, והנה יען כי יכבד על כח ההבנה גם על כח הזכרון של האנשים האלה המקשיבים לקח מפי המלמד, ע"כ יכינו לעצמם אלה הלומדים תורה נביאים וכתובים ספרים כאלה הנעתקים על לשון המדובר [עברי דייטש] אשר בו יבינו ויחזו בעת למדם, וגם יחזרו בו לעתות הפנאי על למודם. כי ימלאו העתקת כל פסוק ע"פ פי' רש"י ז"ל כאשר למד להם מורה לטוב, וכן הלומדים חיי אדם יכינו לעצמם ספרי חיי אדם הנעתק ג"כ ללשון המורגל [עברי דייטש] אשר בו יבינו יחזו בעת למדם ובו יחזרו על למודם ויקל לכח הבנתם גם לכח זכרונם.

אבל לא כאלה היה עד הנה חלק אלה הלומדים מפי מוריהם משניות, כי יקשה עליהם בכפלים. א) בעת למודם, באשר אין לפני עיניהם הדברים ששומעים מפי המלמד, רק באזניהם ישמעו, ע"כ לא בנקל יבינו דבריהם, כי אינו דומה שמיעה לראיה. ב) יכבד על כח זכרונם לזכור כל הדברים ששמעו, מפני שאין להם ספר משניות בהעתקה שיחזרו בו על למודם. — ע"כ הא לזאת נתננו אל לבנו אנחנו הח"מ לתקן הדבר הזה ומדפיסים אנחנו ששה סדרי משנה עם פי' הרע"ב וגם העתקה ע"ע שהועתק באר היטב אשר כבר הסכימו עליה רבני הדור גאוני זמננו שי' ואשר נתנו עדיהן ע"ז, וכ"א מקטני ישראל אנשי עבודת אדמה ועבודות התבל אשר טרדות הזמן ועול הפרנסה לא יתנוה ללמוד בעומק דבריהם הקדושים, רק לקיים לעסוק בדברי תורה, יעסקו במשניות ע"ע הנ"ל.

וכבר איתא במדרש שה"ש פ"ג סמכוני באשישות רפדוני בתפוחים זה משנה ואגדה כו' ע"ש. ובמשניות אלו כ"א יוכל ללמוד בו ולהשיב נפשו בתורת ה' תמימה, ומשנה אותיות נשמה והוא תקון גדול לנשמה כידוע מספרים הקדושים, וכל ישראל יש להם חלק לעוה"ב ע"כ כל ישראל צריכים ללמוד משניות שיהי' תקון לנשמתם, ואיתא במדרש אין הגליות מתכנסות אלא בזכות המשנה, וע"ז נאמר כי לא תשכח מפי זרעו, וזה הוא דבר השוה לכל נפש והוא אשר יאכל לכל נפש יעשה לכם. וחלילה אין כונתינו שיקראו בזאת ההעתקה נשים

אלו עמי הארץ מבלי מלמד להועיל, כי על הנשים כבר אמרו שאין מלמדים להם תורה שבע"פ רק הדינים השייכים להם, ועמי הארץ בלי מלמד להועיל ממילא לא ידעו ולא יבינו בו, אבל רק ליושבים לפני מלמדם להועיל נתקנה להם ההעתקה הזאת, והתלמידים יחזרו בו תמיד וכל דבר הקשה להם יוכלו לשאול פי מוריהם ויראם בהעתקה מפורש ושום שכל כונת המשנה, ובפרט בעוה"ר בזמנים אלו אשר גברה השכחה בעולם מעוק העתים ועלדות הזמן בודאי מהראוי והנכון להדפיס המשניות עם ההעתקה ע"ע הנ"ל ללמוד בו יום יום שיעורים כסדרן, ובפרט בעת אשר יגיע ר"ל יאר צייט מאב ואם יוכלו ללמוד את שמותם במשניות הנ"ל אשר הוא תקון גדול לנשמת המת, ובזכות זה יתן ה' ברכה והצלחה במעשי ידכם שטוב תורה עם דרך ארץ, והביאו ברכה אל בתיכם המשניות ע"ע הנ"ל בנייר יפה מהודר בכל מיני סדר ויופי מדויק ומוגה היטב, ואנהגו משגיחים ע"ז בעינא פקיחא להיות הכל עלהיו"ט, ובטוחים אנחנו בעז"ה, אשר אחב"י כקטן כגדול ואנשי מעשה ובע"ב נכבדים יאמרו לפעלה טבא, ויביטו בעין טובה על הדבר החדש הזה אשר עוד לא היה לעולמים באופן הנ"ל לזכות הרבים, ומסתמא יכירו וידעו עם בני ישראל את העבודה הקשה אשר עמסנו עלינו הן בהעתקה עצמה, והן לעיין בה אח"ז ולהגיהה, ואת מולא הכסף הדרוש לכל ההדפסה הלזו בכלל ובפרט, ויושיטו ידם אלינו לתמכנו כמאה"כ ותומכיה מאושר, ועתה נגמר בדפוס שני כרכים מהודרים, זרעים ונשים, ולדוגמא הוספנו עם המודעה עלה אחת מסדר מועד ממקום שאנחנו עסוקים כעת בדפוס, למען ידעו אחב"י כי לא נרפים אנחנו במלאכתנו, ואי"ה נוציא לאור כרך אחר כרך בעתו וזמנו כפי אשר יהיה לאל ידינו, המו"ל:

**מאספים אנחנו הסכמות מגאוני זמנינו זת"ל השגנו הרבה ואי"ה כאשר נשיג מרובם כבולם אזי נדפיסם באיזה כרך, בעלים בפני עצמם;**

וויא גרוס די מצוה איז פאר איטליכען אידען משניות צו לערנן איז אלעמען ידוע. ערשטענס ווייס מען וואס גרוסע חכמים אונ מקובלים האבן גזאגט דאס לערנען משנה איז אגרויסער תועלת פאר די נשמה ווייל משנה איז די זעלבינע אותיות פון נשמה. אונ יעדער יוד וועם וויל מתקן זיין זיין נשמה דארף לערנן משניות. צווייטענס איז איין היילגער מנהג ביי אונז יודען צו לערנען דעם ערשטין יאהר נאך איין מת ד"ל אלע טאג איין פרק משניות. אונ צום יאהר צייט צו לערנן די אותיות פון זיין נאמען (למשל ווען דעם מת האט מען גרופען אברהם לערונט מען צום ערשטין איין פרק וואס הייבט זיך אן מיט איין א ווי דער פרק אין עומדין (ברכות פ"ה) אונ דער נאך איין פרק וואס הייבט זיך אן מיט איין ב וויא בית שמאי אומרים (פאה פרק ו') אונ אזו לערונט מען אוס דעם גאנצען נאמען. אונ אזו לערונט מען אוף אנדערע נעמען.

מיר וועלין אם ירצה השם דעם אלף בית פון אלע פרקים משניות צו יעדין סדר דרוקען:

דאהער די מצוה וויל יעדער יוד גווים מקיים זיין אונ וויל לערנען משניות. נאר מען זאל ניט מיינען הלילה אז עס איז גינוג צו זאגין דיא ווערטער אפילו מען פאר שטייט נאר ניט וואס אין דער משנה שטייט. זענען מיר מחויב צו זאגין דם אונזער היילגע גמרא זאגט אונז אפט מאל גמרא גמור זמורתא תהא דאס הייסט מען זאל ניט לערנען נאר צו זינגען אליין ווי איין זמר נאר מען מוז לערנען אונ פארשטיין וואס דארין שטייט פיל אדער ווייניג איטליכר נאך זיין כח אונ זיין מוח:

דאריבער האבין מיר דאס נפונען פאר נייטיג צו איבער זעצען דעם משניות אויף טייטש כדי איטליכער זאל קענען לערנען אונ פאר שטיין כדי ער זאל קענען מתקן זיין זיין נשמה. אדער דיא היילגע נשמות נאך וועלכע ער לערונט נאך זייא: ובזכות דיא היילגע מצוה פון משניות לערנען וועט גאט ברוך הוא שמהר זיין דיא גאולה במהרה בימינו. אמן:

# מאימתי

קורין את שמע בערבית משעה שהכהנים נכנסים לאכול בתרומתן. עד סוף האשמורה הראשונה דברי ר' אליעזר. וחכמים אומרים עד הצות. רבן גמליאל אומר עד שיעלה עמוד השחר. מעשה שבאו בניו מבית המשתה אמרו לו לא קרינו את שמע. אמר להם אם לא עלה עמ"ה חייבים אתם

**מאימתי** קורין. משעה שהכהנים נכנסים לאכול בתרומתן. כהנים שנטמאו וטבלו אין יכולים לאכול בתרומה עד שיעריב שמשן דהיינו צאת הכוכבים והא דלא תני משעת צאת הכוכבים מלתא אגב אורחיה קמ"ל שאם נטמאו הכהנים בטומאה שטהרתן תלויה בקרבן כגון זב ומצורע אין הכפרה מעכבתן מלאכול בתרומ' דכתי' (ויקרא כב) ובא השמש וטהר ואחר יאכל מן הקדשים ביאת שמשו מעכבתו מלאכול בתרומה ואין כפרתו מעכבתו מלאכול בתרומה: **עד סוף האשמורה הראשונה.** שליש הראשון של לילה שהלילה נחלקה לשלש משמרות ומשם ואילך לא מקרי תו זמן קריאת שמע דשכיבה ולא קרינא ביה בשכבך ומקמי צאת הכוכבים נמי יממא הוא ולאו זמן שכיבה והמקדימים וקורים ק"ש של ערבית מבעוד יום סומכים אהא דרבי יהוד' דאמר לקמן בפ' תפלת השחר תפל' המנחה עד פלג המנחה שהוא שעה ורביע קודם הליל' וקי"ל דעבד כרבי יהודה עבד ומיד ככלו' זמן המנחה מתחיל זמן ק"ש של ערבית: **עד שיעלה עמ"ה.** דכל הלילה מקרי זמן שכיבה והלכה כר"ג שגם חכמים מודים לו ולא אמרו עד חצות אלא כדי להרחיק את האדם מן העבירה. ומיהו לכתחלה משהגיע עונת קריאת שמע של ערבית דמתניתין דהיינו צאת הכוכבים אסור לסעוד וכל שכן לישן עד שיקרא ק"ש ויתפלל: **מעשה שבאו בניו מבית המשתה.** בני רבן גמליאל שמעינהו לרבנן דאמרי עד חצות והכי קאמרי ליה הא דפליגי רבנן עלך דוקא קאמרי עד חצות ותו לא ויחיד ורבים הלכה כרבים או דלמא רבנן כוותך סבירי להו והאי דקאמרי עד חצות כדי להרחיק את האדם מן העבירה ואמר להו רבנן כוותי סבירי להו והא דקאמרי עד חצות כדי להרחיק את האדם מן העבירה וחייבים אתם

---

[מאימתי קורין את שמע בערבית] ווען הייבט זיך אן דיא צייט צו לייענן קריאת שמע צוא מעריב [משעה שהכהנים נכנסים לאכול בתרומתן] פון דער צייט וואס דיא כהנים מעגן עסין זייער תרומה. דאס הייסט כהנים וואס זענן געוועזן טמא אונ האבן זיך טובל געווען פון דעסט וועגן טארין זיי אנדערש ניט עסין קיין תרומה. סיידן זייא זאלין ווארטין ביז נאך הערב שמש. דס איז אז עס ווערט געזעהן שטערין אין הימל. אזוי איז דער זמן קריאת שמע פון מעריב אויך ווען עס ווערין געזעהן שטערין אין הימל ניט פריער: [עד סוף האשמורה הראשונה] ביז צום סוף פון דעם ערשטן משמר. (דס הייסט אדריטיל נאכט) [דברי רבי אליעזר] אזוי זאגט רבי אליעזר: [והחכמים אומרים עד חצות] אונ די חכמים זאגן ביז האלבע נאכט איז צייט צו לייענן קריאת שמע. [רבן גמליאל אומר עד שיעלה עמוד השחר] רבן גמליאל זאגט ביז עס גייט אוף דר מארגן שטערין איז צייט צו לייענן קריאת שמע: [מעשה שבאו בניו מבית המשתה.] עס איז געווען אין מעשה עס זענן געקומין רבן גמליאל'ס קינדר פון אמאלצייט נאך האלבע נאכט. [אמרו לו לא קרינו את שמע] האבן זייא געזאגט צו זייער פאטר מיר האבן נאך ניט געלייענט קיין קריאת שמע. [אמר להם] האט רבן גמליאל צו זייא געזאגט: [אם לא עלה עמוד השחר] אויב עס איז נאך ניט אויף געגאנגן דער מארגן שטערין. [חייבים אתם לקרות] מוזט איר לייענן קריאת שמע (ווארום אפילו דיא חכמים וואס זאגן ביז האלבע נאכט האלטין זיי אויך אז

אתם לקרות · ולא זו בלבד אלא כל מה שאמרו חכמים עד חצות מצותן עד שיעלה עמוד השחר · הקטר חלבים ואברים מצותן עד שיעלה עמוד השחר · וכל הנאכלין ליום אחד מצותן עד שיעלה עמוד השחר · אם כן למה אמרו חכמים עד חצות כדי להרחיק את האדם מן העבירה : ב מאימתי קורין את שמע בשחרית משיכיר בין תכלת ללבן · ר׳

אתה לקרות : ולא זו בלבד. כולה מלתא דרבן גמליאל היא דקאמר לבניו : הקטר חלבים. של קרבנות : ואברים של עולת תמיד של בין הערבים שנזרק דמו ביום מצוה להעלות הנתחים כל הלילה דכתיב (ויקרא ו׳) היא העולה על מוקדה על המזבח כל הלילה עד הבקר : וכל הנאכלין ליום אחד. כגון תודה וחטאת ואשם וכיוצא בהם שהם נאכלים ליום ולילה זמן אכילתן עד שיעלה עמוד השחר והוא המביאן לידי נותר : א״כ למה אמרו חכמים עד חצות. בק״ש ובאכילת קדשים אבל בהקטר חלבים ואיברים לא אמרו בו חכמים עד חצות כלל ולא נקט ליה הכא אלא להודיע שכל דבר שמצותו בלילה כשר כל הלילה : כדי להרחיק את האדם מן העבירה. שלא יבא לאכלן אחר שיעלה עמוד השחר ויתחייב כרת. וכן בק״ש שלא יאמר עדיין יש לי שהות ותעבור עונתה : ב בין תכלת ללבן. בין חוטי תכלת לחוטי לבן שבציצית. פירוש אחר גיזת צמר שצבעה תכלת ויש בה מקומות שלא נקלט הצבע

---

מען מעג לייענן קריאת שמע דיא גאנצע נאכט) [ולא זו בלבד] אונ ניט נאר ביי קריאת שמע אליין האבן די חכמים גזאגט ביז האלבע נאכט אונ פון דעסט וועגן מעג מען די גאנצי נאכט. [אלא כל מה שאמרו חכמים עד חצות] נאר ביי אלע מצות ווס די חכמים האבן גזאגט ביז האלבי נאכט. [מצותן עד שיעלה עמוד השחר] פון דעסט וועגן מעג מען דיא מצוה טאן די גאנצי נאכט. דהיינו [הקטר חלבים ואברים] דר רייכרין די הרב אונ דיא גלידר פון איין קרבן אוף דעם מזבח. [מצותן עד שיעלה עמוד השחר] איז די מצוה ביז דר מארגן שטערין גייט אוף: [וכל הנאכלין ליום אחד] אונ אלע קרבנות ווס די מצוה איז צו עסין אין איין טאג [מצותן עד שיעלה עמוד השחר]. מעג מען זייא עסין דיא גאנצי נאכט (וואס נאך דעם טאג) ביז דר מארגן שטערן גייט אוף: [אם כן למה אמרו חכמים עד חצות]. אז די מצוה איז דיא גאנצי נאכט ווארום האבן די חכמים גזאגט ביז האלבי נאכט. [כדי להרחיק את האדם מן העבירה] כדי צו דר ווייטרן דעם מענשן פון איין עבירה. אז ער וועט וויסן אז ער האט צייט צו לייענן קריאת שמע אדר צו עסין דעם קרבן די גאנצע נאכט וועט ער זיך ניט איילין דר צו אונ וועט אפ לייגן אוף שפעטר אונ דר ווייל וועט ער זיך צו לייגן שלאפן. אונ עס קען זיין אז ער זאל פר שלאפן ביז טאג. וועט ער דאך ניט האבן גלייענט קיין קריאת שמע. אדר עס וועט איבר בלייבן פלייש פון קרבן וועט מען דאס מוזן פר ברענן. וועט ער דאך ניט האבן גטאן די מצוה. ווארום די מצוה איז מען זאל עסין די פלייש פון א קרבן אונ מען זאל זעהן אז קדשים זאלן ניט דארפן ווערין פארברענט. אבער אז ער וועט זעהן אז דיא צייט איז קורץ וועט ער גישט טאן קיין זאך ביז ער וועט פריער לייענן קריאת שמע אדר עסין די פלייש פון קרבן. אזו האלטן די חכמים מיט רבן גמליאל אז דיא מצוה פון קריאת שמע איז א גאנצע נאכט : ב [מאימתי קורין את שמע בשחרית] ווען הייבט זיך אן די צייט צו לייענן קריאת שמע אין דר פריא. [משיכיר בין תכלת ללבן]. ווי מען קען דר קענן וואל ווייסי וואס מע

רבי אליעזר אומר בין תכלת לכרתי • (נ"א ל"ג וגומרה) עד הנץ החמה • ר' יהושע אומר עד ג' שעות שכן דרך בני מלכים לעמוד בג' שעות • הקורא מכאן ואילך לא הפסיד כאדם הקורא בתורה: ג בית שמאי אומרים בערב כל אדם יטו ויקראו ובבוקר יעמדו שנאמר (דברים ו') ובשכבך ובקומך • ובית הלל אומרים כל אדם קורא כדרכו שנאמר (שם) ובלכתך בדרך •
אם

שצבע יפה ושחור לבן: בין תכלת לכרתי. צבע התכלת קרוב לגוון של כרתי כרישין שקורין פוריי"ש בלע"ז: עד שלש שעות. ביום עד סוף שעה שלישית שהוא רביע היום בזמן שהימים והלילות שוים ולעולם זמן קריאת שמע הוא עד רביע היום בין שהימים ארוכים בין קצרים. וכן הא דתנן לקמן תפלת השחר עד ארבע שעות ביום הייכו עד שליש היום וד' שעות דנקט לפי ששליש היום הוא ד' שעות בזמן שהימים והלילות שוין וכל מקום שנזכר במשנה כך שעות ביום על דרך זה אתה צריך לחשב ולדון. זו הבנתי מפירושי הרמב"ם ונתקבל לי. וטעמא דר' יהושע דאמר עד שלש שעות ביום שכן דרך בני מלכים שאין עומדין ממטתן עד סוף שעה שלישית ורחמנא דאמר ובקומך עד שעה שכל בני אדם עומדים ממטתם קאמר והלכה כרבי יהושע ומיהו לכתחלה צריך לכוין לקרות ק"ש עם הנץ החמה כוותיקים שהיו עושים: לא הפסיד. כלומר לא הפסיד מלברך לפניה ולאחריה אלא אע"פ שעברה עונתה קורא ומברך לפניה ולאחריה: כאדם הקורא בתורה. אף על פי שלא יצא ידי חובת קריאת שמע בעונתה יש לו קבול שכר כקורא בתורה: ג יטו. על צדיהם דכתיב בשכבך דרך שכיבה: יעמדו. דכתיב ובקומך דרך קימה: כדרכו. בין
בקימה

האט געפארבט בלא אונ אין אנדרי ערטער האט דיא בלאע פארב נים גוט אן גנומן איז געבליבן גוט בלא אונ נים ווייס. אז עס איז שון אזו ליכטיג אז מען קען דר קענן אוף דר שטיקיל וואל וועלכר ארט איז בלא אונ וועלכר ארט איז נים גוט בלא. מעג מען שון לייענן קריאת שמע: [רבי אליעזר אומר בין תכלת לכרתי]. רבי אליעזר זאגט ווי מען קען דר קענן צווישן בלא אונ היטל בלא. [וגומרה עד הנץ החמה.] אונ ער דארף אוס לאזן קריאת שמע ביז דיא זון שפראצט אוף. [ורבי יהושע אומר עד ג' שעות] רבי יהושע זאגט עס איז צייט ביז דרייא שעה אוף דעם טאג. [שכן דרך בני מלכים לעמוד בשלש שעות] ווארום דר שטייגער איז פון דיא קינדר פון מלכים זייא זאלן אוף שטיין דרייא שעה אוף דעם טאג. אונ וויל עס געפינן זיך מענטשן ווס שטייען אוף דרייא שעה אוף דעם טאג הייסט דאס ובקומך. [הקורא מכאן ואילך לא הפסיד] דר ווס לייענט נאך דריי שעה פרלירט ער נים אפילו די ברכות פון קריאת שמע. אונ ער דארף זאגן די ברכות פון פר קריאת שמע אונ נאך קריאת שמע [כאדם הקורא בתורה] אונ ער האט שכר אזו ווי איינר לערינט די דריי פרשיות פון קריאת שמע אין דר תורה נים אין דר צייט ווען מען דארף לייענן קריאת שמע. אבער דעם שכר פון דר מצוה וואס השם יתברך הט געהייסן לייענן קריאת שמע הט ער פאר לארן: ג [בית שמאי אומרים בערב כל אדם יטו ויקראו ובבוקר יעמדו]. בית שמאי זאגן צו מעריב זאל זיך דר מענטש איין בייגן אונ לייענן קריאת שמע אונ צו שחרית זאל ער זיך אנידר שטעלן. [שנאמר ובשכבך ובקומך] ווארום עס שטייט אין פסוק ובשכבך ובקומך איז טייטש אז דוא ליגסט אונ אז דו שטייסט [ובית הלל אומרים כל אדם קורא כדרכו] בית הלל זאגן יעדר מענטש לייענט קריאת שמע ווי ער וויל [שנאמר ובלכתך בדרך] ווארום עס שטייט אין פסוק ובלכתך


בדרך

בקימה בין בישיבה בין בשכיבה בין בהליכה : כדי היית. ראוי היית ליהרג ואם היית מת היית מתחייב בנפשך : ד׳ שתים לפניה. יוצר אור ואהבה : ואחת לאחריה. אמת ויציב : ובערב. מברך : שתים לפניה. מעריב ערבי׳ ואהבת עולם. ושתים לאחריה אמת ואמונה והשכיבנו : אחת ארוכה ואחת קצרה. אשתים שלפניה קאי יוצר אור ארוכה שפותחת בברוך וחותמת בברוך וכן מעריב ערבים. אהבה קצרה שחותמת בברוך ואינה פותחת בברוך : לחתום. בברוך

**אם כן למה נאמר ובשכבך ובקומך בשעה שבני אדם שוכבים ובשעה שבני אדם עומדים. אמר רבי טרפון אני הייתי בא בדרך והטיתי לקרות כדברי בית שמאי וסכנתי בעצמי מפני הלסטים. אמרו לו כדי היית לחוב בעצמך שעברת על דברי בית הלל : ד בשחר מברך שתים לפניה ואחת לאחריה. ובערב שתים לפניה ושתים לאחריה. אחת ארוכה ואחת קצרה. מקום שאמרו להאריך אינו רשאי לקצר לקצר אינו רשאי להאריך לחתום אינו רשאי שלא לחתום**

---

בדרך. דס איז טייטש אז דו גייסט אין וועג. איז דס ניט ליגענדיג אונ ניט שטייענדיג. [אם כן למה נאמר ובשכבך ובקומך] אס כן פר וואס שטייט ובשכבך ובקומך. [בשעה שבני אדם שוכבים ובשעה שבני אדם עומדים] נאר דר פסוק מיינט דוא זאלסט לייענן אין דר צייט ווען מענטשן ליגן זיך אונ אין דר צייט ווען מענטשן שטייען אוף. [אמר רבי טרפון אני הייתי בא בדרך] האט ר׳ טרפון גזאגט איך בין אמאל גוועזן אין וועג [והטיתי לקרות כדברי בית שמאי] האב איך זיך איין געבוגן צו לייענן קריאת שמע. ווי בית שמאי פסקנין) [וסכנתי בעצמי מפני הלסטים]. בין איך געקומן אין איין סכנה פון גזלנים : [אמרו לו כדי היית לחוב בעצמך] האבן צו איהם גזאגט זיינע חברים דוא ביזט ווערט גוועזן דיא שטראף. [שעברת על דברי בית הלל] ווייל דוא האסט עובר גוועזן אוף דיא רייד פון בית הלל. אונ אז דיא נזקנים וואלטן דיך גהארגט וואלסטו נאך גהאט אשטראף בעולם הבא פר וואס דוא האסט זיך אליין גבראכט צו דעם אז מען זאל דיך הרגנן : ד [בשחר מברך שתים לפניה ואחת לאחריה]. צו שחרית זאגט מען צוויי ברכות פר קריאת שמע (יוצר המאורות אונ הבוחר בעמו ישראל באהבה) אונ איין ברכה נאך קריאת שמע (גאל ישראל). [ובערב שתים לפניה ושתים לאחריה]. אונ צו מעריב זאגט מען צוויי ברכות פאר קריאת שמע (המעריב ערבים אונ אוהב עמו ישראל) אונ צוויי נאך קריאת שמע (גאל ישראל אונ שומר עמו ישראל לעד) : [אחת ארוכה] דיא צוויי ברכות וואס פר קריאת שמע צו שחרית אונ צו מעריב איז איינע פון זייא אלאנגע דס הייסט זי הייבט זיך אן מיט ברוך אתה אונ לאזט זיך אוס מיט ברוך אתה. יוצר אור אונ אשר בדברו מעריב ערבים. [ואחת קצרה] אונ איינע פון זיי איז אקורצע זיא לאזט זיך נאר אוס מיט ברוך אתה אבר זי הייבט זיך ניט אן מיט ברוך אתה. אהבה רבה אונ אהבת עולם : [מקום שאמרו להאריך אינו רשאי לקצר] אוף דעם ארט וויא די חכמים האבן גזאגט מען זאל לאנג מאכן די ברכה (מען זאל אן הייבן מיט ברוך אתה) טאר מען ניט פאר קורצן מען זאל ניט אן הייבן מיט ברוך אתה). [לקצר אינו רשאי להאריך] אונ אוף דעם ארט וואס די חכמים האבן גזאגט מען זאל פר קירצן טאר מען ניט דר לענגרן : [לחתום אינו רשאי שלא לחתום] וויא די חכמים האבן גזאגט מען זאל אוס לאזן מיט ברוך אתה טאר מען ניט מען זאל ניט אוס לאזן

לחתום ושלא לחתום אינו רשאי לחתום : **ה** מזכירין יציאת מצרים בלילות · אמר רבי אלעזר בן עזריה הרי אני כבן שבעים שנה ולא זכיתי שתאמר יציאת מצרים בלילות · עד שדרשה בן זומא · שנאמר (דברים ט"ז) למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך · ימי חייך הימים כל ימי חייך הלילות · וחכמים אומרים ימי חייך העולם הזה כל ימי חייך להביא לימות המשיח :

פ"ב **היה** קורא בתורה והגיע זמן המקרא אם כיון לבו יצא ואם לאו לא

בברוך : **שלא לחתום** . כגון ברכת הפירות וברכת המצות : **ה מזכירין יציאת מצרים בלילות** . פרשת ציצית אומרים אותה בק"ש של ערבית ואע"פ שאין לילה זמן ציצית דכתיב וראיתם אותו פרט לכסות לילה אומרים אותה בלילה מפני יציאת מצרים שבה : **כבן שבעים שנה** . הייתי נראה זקן ולא זקן ממש אלא שהלבינו שערותיו יום שמינוהו נשיא כדי שיראה זקן וראוי לנשיאות ואותו היום דרש בן זומא מקרא זה : **ולא זכיתי**. לא נצחתי לחכמים ודומה ע בגמ"ס בפרק בנות כותים (ל"ח:) בהא זכינהו ר"א לרבנן כלומר נצחם :

(פרק ב) **היה** קורא בתורה . פרשת ק"ש : **והגיע זמן**. ק"ש : **אם כיון לבו יצא.** לדברי האומר מצות צריכות כוונה צריך לפרש אם כיון לבו היה מתכוין לצאת ידי חובתו. והאומר מצות אין צריכות כוונה מפרש אם כיון לבו לקרות כנקודתן וכהלכתן לאפוקי קורא להגיה שאינו קורא התיבות כנקודתן אלא קורא ככתיבתן כדי להבין בחסרות ויתרות דבקריאה

---

מיט ברוך אתה. [ושלא לחתום אינו רשאי לחתום]. אונ פר קערט ווא די חכמים האבן גזאגט מען זאל ניט אוס לאזן מיט ברוך אתה טאר מען ניט מען זאל יוא אוס לאזן מיט ברוך אתה : ה [מזכירין יציאת מצרים בלילות] מען מוז דר מאנן יציאת מצרים ביי נאכט. [אמר רבי אלעזר בן עזריה] הט רבי אלעזר בן עזריה גזאגט [הרי אני כבן שבעים שנה] איך בין שוין אלט אזו וויא זיבציג יאהר [ולא זכיתי שתאמר יציאת מצרים בלילות] אונ האב ניט זוכה גוועזן צו לערנין פון פסוק אז מען דארף זאגן יציאת מצרים ביא נאכט : [עד שדרשה בן זומא] ביז בן זומא האט גדרשט. [שנאמר למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים] עס שטייט דו זאלסט דר מאנן דעם טאג וואס דו ביזט אין אים ארוס גגאנגן פון מצרים [כל ימי חייך] אלי טעג וואס דו וועסט לעבן [ימי חייך הימים כל ימי חייך הלילות] דארשט בן זומא ווען עס וואלט נאר געשטאנן ימי חייך וואלט איך זאגן אז מען דארף נאר דר מאנן יציאת מצרים ביי טאג. (ווארום ימי איז דר טייטש טעג) דארום שטייט דר ווארט כל אויך צו וויזן אז אפילו ביי נאכט דארף מען אויך דר מאנן יציאת מצרים : [וחכמים אומרים ימי חייך העולם הזה] אונ די חכמים זאגן (ימי) דיא טעג פון דיין לעבן מיינט מען די וועלט [כל ימי חייך להביא לימות המשיח] נאר די טעג מיינט מען אפילו ווען משיח וועט קומן וועט מען אויך דארפען דר מאנן יציאת מצרים :

פרק ב [היה קורא בתורה] ווען איינר הט גלערינט אין דר תורה דיא פרשה פון קריאת שמע [והגיע זמן המקרא] אונ עס איז טאקי גוועזן די צייט וואס מען דארף לייענן קריאת שמע [אם כיון לבו יצא] אויב ער הט הכוונה גהאט יוצא צו זיין מיט דעם לערנן די מצוה פון קריאת שמע לייענן, איז ער יוצא. דארף ער ניט נאך אמאל לייענן קריאת שמע [ואם לאו לא יצא] אונ אויב ער האט ניט גהאט הכוונה יוצא צו זיין די מצוה פון קריאת שמע לייענן זא

דבקריאה כזו לא יצא ואיך קיימא לן כמ"ד מצות צריכות כונה: בפרקים. לקמן במתני׳ מפרש מה הם הפרקים: שואל מפני הכבוד. שואל בשלום אדם נכבד שראוי להקדים לו שלום כגון אביו או רבו או שגדול ממנו בחכמ׳: ומשיב. וא"צל שמשיב להם שלום אם הקדימו לו: ובאמצע. הפרק: שואל מפני הירא׳. אדם שהוא ירא מפניו שמא יהרגהו. וא"צל שמשיב לו שלום אבל מפני הכבוד לא: ר"י א׳ באמצע. הפרק שואל בשלום מי שהוא ירא ממנו ומשיב שלום למי שמוטל עליו לכבדו: ומשיב שלום לכל אדם. שהקדים לו שלום והלכה כר"י וכל"מ שאסור להפסיק כך אסור לדבר בלה"ק כמו בשאר לשונות: ב בין ויאמר לאמת ויציב לא יפסיק. דכתיב וה׳ אלהים אמת (ירמיה י׳) הלכך אין מפסיקין

לא יצא. בפרקים שואל מפני הכבוד ומשיב. ובאמצע שואל מפני היראה ומשיב דברי ר׳ מאיר. רבי יהודה אומר באמצע שואל מפני היראה ומשיב מפני הכבוד בפרקים שואל מפני הכבוד ומשיב שלום לכל אדם: ב אלו הן בין הפרקים בין ברכה ראשונה לשניה בין שניה לשמע ובין שמע לוהיה אם שמוע בין והיה אם שמוע לויאמר בין ויאמר לאמת ויציב. ר׳ יהודה אומר בין ויאמר לאמת ויציב לא יפסיק. אמר רבי יהושע בן קרחה למה קדמה שמע לוהיה אם שמוע (ירושלמי ל"ג אלא) כדי שיקבל עליו עול מלכות שמים

תחלה

ער ניט יוצא. דארף ער לייענן נאך אמאל קריאת שמע: [בפרקים שואל מפני הכבוד] צווישן די פרקים פון קריאת שמע (אין דר אנדרר משנה וועט שטיין וואס הייסט בין הפרקים) מעג מען געבן שלום אמענטשן וואס מען דארף איהם כבוד געבין. [ומשיב] אונ דאס איז געוויס אוב יענר מענטש הט אים גגעבן שלום מעג ער איהם ענטפרן [ובאמצע שואל מפני היראה] אונ אין מיטן פרק מעג מען נאר געבן שלום דעם מענטשן וואס מען הט פר איהם מורא ער זאל אים ניט הארגנן [ומשיב] אונ דס איז געוויס אוב יענר מענטש האט אים גגעבן שלום מעג ער איהם ענטפערן. [דברי רבי מאיר] אזו זאגט רבי מאיר [רבי יהודה אומר באמצע שואל מפני היראה] רבי יהודה זאגט אין מיטן פרק מעג מען געבן שלום צו דעם מענטשן וואס מען האט פר איהם מורא. אבר צו דעם מענטשן וואס מען הט פר איהם קיין מורא ניט טאר מען איהם ניט געבן שלום [ומשיב מפני הכבוד] נאר אוב ער הט פריער געגעבן שלום מעג מען אים ענטפרין. אוב ער איז אזו אמענטש וואס מען דארף איהם אפ געבן כבוד: [בפרקים שואל מפני הכבוד] צווישן די פרקים פרעגט מען שלום צו דעם וואס מען דארף איהם אפ געבן כבוד. אבר צו דיא מענשן וואס מען דארף זייא ניט אפ געבן קיין כבוד טאר מען זיי ניט געבן קיין שלום [ומשיב שלום לכל אדם] נאר אוב זייא האבן פריער געגעבן שלום מעג מען זייא ענטפערין: ב [אלו הן בין הפרקים] דאס הייסט צווישן די פרקים [בין ברכה ראשונה לשניה] צווישן די ערשטי ברכה יוצר המאורות אונ די אנדרי ברכה אהבה רבה [ובין שניה לשמע] צווישן די אנדרי ברכה אונ שמע ישראל. [ובין שמע לוהיה אם שמוע] צווישן שמע אונ והיה אם שמוע. [בין והיה אם שמוע לויאמר] צווישן והיה אם שמוע אונ ויאמר. [בין ויאמר לאמת ויציב] צווישן ויאמר אונ אמת ויציב [רבי יהודה אומר בין ויאמר לאמת ויציב לא יפסיק] רבי יהודה זאגט צווישן ויאמר אונ אמת ויציב טאר מען ניט מפסיק זיין: [אמר רבי יהושע בן קרחה] הט רבי יהושע בן קרחה גזאגט [למה קדמה שמע לוהיה אם שמוע] פר וואס זאגט מען די פרשה שמע ישראל פר והיה אם שמוע. [כדי שיקבל עליו עול



מלכות

תחלה ואחר כך יקבל עליו עול מצות. והיה אם שמוע לויאמר שוהיה אם שמוע נוהג ביום ובלילה ויאמר אינו נוהג אלא ביום (בלבד כ"א במשנ"ג): ג הקורא את שמע ולא השמיע לאזנו יצא. רבי יוסי אומר לא יצא. קרא ולא דקדק באותיותיה רבי יוסי אומר יצא. ר' יהודה אומר לא יצא. הקורא למפרע לא יצא. קרא וטעה יחזור למקום שטעה:

האומנין

מפסיקין בין אני ה' אלהיכם לאמת וכן הלכה: **והיה אם שמוע נוהג בין ביום בין בלילה.** דכתיב בה (דברים יא) ולמדתם אותם את בניכם ותלמוד תורה נוהג בין ביום ובין בלילה: **ויאמר אינו נוהג אלא ביום.** דאית ביה פ' ציצית שאינה נוהגת בלילה דכתיב (במדבר טו) וראיתם אותו: **ג רבי יוסי אומר לא יצא.** דכתיב שמע השמע לאזנך מה שאתה מוציא מפיך ותנא קמא סבר שמע בכל לשון שאתה שומע והלכה כתנא קמא: **ולא דקדק באותיותיה.** להוציאן בשפתיו יפה בשתי תיבות שהתיבה השניה מתחלת באות שהתיבה הראשונה נגמרת כגון על לבבך עשב בשדך ואבדתם מהרה אם אינו נותן ריוח ביניהם להפרידם נמצא קורא אותם שתי אותיות כאות אחת: **רבי יוסי אומר יצא.** והלכה כר' יוסי מיהו לכתחלה צריך לדקדק באותיותיה וכן יזהר שלא יניח הנד ולא יניד הנח ולא ירפה החזק ולא יחזק הרפה וצריך להתיז זיי"ן של תזכרו שלא יהא נראה כאומר תשכרו בשי"ן כלומר כדי שתרבו שכר שהרי אין ראוי לשמש את הרב על מנת לקבל פרס: **הקורא למפרע.** הקדים פסוק שלישי לשני ושני לראשון וכיוצא בזה: **לא יצא.** דכתיב והיו הדברים בהווייתן יהיו כלו' כמו שהן סדורין בתורה ומיהו אם הקדים פרשת ויאמר לפר' והיה אם שמוע ופ' והיה אם שמוע לשמע נראה דאין זה חשוב למפרע ואלא שהרי אינן סדורות כן זו לאחר זו בתורה: **יחזור למקום שטעה.** אם בין פרק לפרק

טעה

מלכות שמים תחלה] כדי דר מענש זאל פריער אויף זיך מקבל זיין מלכות שמים [ואחר כך יקבל עליו עול מצות] אונ דר נאך די מצות פון גאט [והיה אם שמוע לויאמר] והיה אם שמוע זאגט מען פר ויאמר [שוהיה אם שמוע נוהג ביום ובלילה] וויל אין והיה אם שמוע שטייט די מצוה פון תורה לערנן אונ תורה מוז מען לערנן ביא טאג אונ ביי נאכט [ויאמר אינו נוהג אלא ביום בלבד] אונ אין ויאמר שטייט נאר די מצוה פון ציצית אונ ביי נאכט איז מען פטור פון ציצית: ג הקורא את שמע ולא השמיע לאזנו] ווען איינר האט גלייענט קריאת שמע אונ זיינע אויערין האבן ניט געהערט וואס זיין מול האט גזאגט [יצא] איז ער יוצא [רבי יוסי אומר לא יצא] רבי יוסי זאגט ער איז ניט יוצא [קרא ולא דקדק באותיותיה] ווען איינער האט גלייענט קריאת שמע אונ הט ניט גוט ארוס גרעט דיא ווערטר צו זאגן יעדר וארט באזונדר [רבי יוסי אומר יצא] זאגט רבי יוסי ער איז יוצא [רבי יהודה אומר לא יצא] אונ רבי יהודה זאגט ער איז ניט יוצא. [הקורא למפרע] ווען איינר לייענט צו ריק ער לייענט פריהר דעם לעצטן פסוק אונ דר נאך דעם פסוק וואס פר דעם לעצטן. אונ אזו לייענט ער אלי פסוקים [לא יצא] איז ער ניט יוצא אבר אז ער לייענט די פרשה ויאמר פר דר פרשה והיה אם שמוע אדר והיה אם שמוע פר שמע איז ער יוצא ווארום אין דר תורה שטייען אויך ניט דיא פרשיות כסדר: [קרא וטעה] ער הט גלייענט קריאת שמע אונ האט זיך טועה גוועזן דהיינו ער ווייסט ער הט אוס גלאזן איין פרשה אונ ער וייס ניט וועלכי צו די ערשטע פרשה ואהבת. אונ ער האלט די אנדרי פרשה והיה אם שמוע צו ער הט אוים גלאזין די אנדרי פרשה אונ ער האלט ויאמר [יחזור למקום שטעה] זאל ער אן הייבן פון ערשטן הפסק פון והיה אם שמוע אבר אז ער

האלט

ד האומנין קוראין בראש האילן או בראש הנדבך מה שאינן רשאין לעשות כן בתפלה: ה חתן פטור מק"ש (במשנה שבגמרא ליתא בלילה הראשון) עד מוצאי שבת אם לא עשה
מעשה

טעה שאינו יודע באיזה פרק הפסיק ולראש איזה פרק יחזור חוזר להפסק ראשון שהוא והיה אם שמוע. והרמב"ם אומר שהוא ואהבת את ה' ואם באמצע הפרק פסק שיודע הפרק שפסק בו אבל אינו יודע באיזה מקום מאותו פרק הפסק חוזר לראש אותו הפרק. היה קורא וכתבתם ואינו יודע אם הוא בוכתבתם של שמע או בוכתבתם של והיה אם שמוע חוזר לוכתבתם של שמע ואם נסתפק לאחר שהתחיל למען ירבו אינו חוזר שעל הרגל לשונו הוא הולך: ד נדבך. שורה של בנין אבנים כמו נדבכים דאבן גלל (בעזרא ו) ואע"ג דמסתפי דלמא נפלי ולא מצו מכווני לא הצריכום חכמים לרדת דק"ש לא בעי כוונה אלא פסוק ראשון בלבד: מה שאינן רשאין לעשות כן בתפלה. דצלותא רחמי היא ובעי כוונה הלכך יורדין למטה ומתפללין: ה חתן. הכונס בתולה פטור מקריאת שמע לילה הראשונה משום דטריד שמא לא ימצאנה בתולה. ואני שמעתי שמתירה שמא יעשה כרות שפכה בבעילתו וטרדא דמצוה היא ורחמנא אמר ובלכתך בדרך בלכת דידך הוא דמחייבת הא דמצוה פטירת: אם לא עשה מעשה.
אם

---

האלט אין מיטן פרשה נאר ער ווייס ניט ביי וועלכן ווארט ער האלט זאל אן הייבן פון אן הייב פרשה וועלכע ער האלט. אבער אז ער האלט ביי דעם ווארט וכתבתם נאר ער ווייס ניט צו ביי דעם וכתבתם פון דר ערשטר פרשה אדר ביי דעם וכתבתם פון דר אנדרר פרשה זאל ער אן הייבן דעם וכתבתם פון דר ערשטר פרשה. אבער אז ער הט שון אן גהויבן צוא זאגן למען ירבו דר נאך איז אים גוואורן הספק ביי וועלכן וכתבתם ער הט גהאלטן. זאל ער זאגן ווייטר ווא ער האלט ווארום גוויס הט ער גזאגט נאך זיין גוואונהייט צוא זאגן נאך דעם אנדרן וכתבתם למען ירבו ניט נאך דעם ערשטן: ד [האומנין קוראין בראש האילן] ארבייטר וואס שטייען אויף אבוים [או בראש הנדבך] אדר אויף אמאער אונ ארבייטן אונ עס איז גקומן די צייט פון קריאת שמע לייענן דארפן זיי ניט אראפ גיין נאר זיי מעגן דארטן לייענן קריאת שמע. ווייל קריאת שמע דארף נאר האבן כוונה דעם ערשטן פסוק אונ איין פסוק קען מען מכוין זיין אפילו אויף דעם בוים אדר דעם מאער [מה שאינן רשאין לעשות כן בתפלה] אבער שמונה עשרה מוז מען אין גאנצן דאוונען מיט כוונה. אונ אזו לאנג קען ער ניט האבן קיין כוונה צום דאוונען. ווייל ער הט מורא ער זאל ניט אראפ פאלן מוז ער אראפ גיין: ה [חתן פטור מקריאת שמע] החתן דארף ניט לייענן קריאת שמע [בלילה הראשון] די ערשטע נאכט פון דר חתונה אוב ער הט גנומען אבתולה ווייל זייני גדאנקן זענן נאר צו טראכטן פון דער חתונה וועט ער ניט קענן האבן קיין כוונה צו קריאת שמע [עד מוצאי שבת] ווארום אין דר צייט פון דר גמרא פלעגט מען נאר חתונה האבן מיט אבתולה מיטוואך (אזו וויא עס שטייט בתולה נישאת ליום הרביעי) זאגט די משנה [אם לא עשה מעשה] אוב ער הט ניט בועל גוועזן די ערשטי נאכט (דאס הייסט מיטוואך ביי נאכט) איז ער פטור פון קריאת שמע דאנרשטיג ביי נאכט אוך. אונ אוב ער האט ניט בועל גוועזן דאנרשטיג ביי נאכט איז ער פטור פון קריאת שמע פרייטאג צו נאכט אוך. אונ אוב פרייטאג צו נאכט הט ער אוך ניט בועל גוועזן איז ער פטור פון קריאת שמע שבת צו נאכט. אונ אוב ער הט שבת צו נאכט אוך ניט בועל גוועזן פון דר צייט אן מוז ער שון לייענן קריאת שמע. ווייל ער איז שון מיט איר גוואוינט

אם לא בעל עד מ״ש שהם ד׳ לילות טריד ומהם ואילך לבו גס בה והוא לא טריד ואעפ״י שלא עשה מעשה חייב בקריאת שמע: (ו) רחץ לילה הראשון שמתה אשתו. ואעפ״י שאבל אסור ברחיצה: אסטנים אני. קר ומלוכן לשון ליכה ואיכא צערא אם לא היה רוחץ ואין אסור בימי אבלו אלא רחיצה של תענוג: ח לא כל הרוצה ליטול את השם יטול. אם לא הוחזק חכם ופרוש בשאר דברים אין זה אלא גאוה שמראה בעצמו שיכול

מעשה ברבן גמליאל שקרא בלילה הראשון שנשא אמרו לו תלמידיו לא למדתנו רבינו שחתן פטור מקריאת שמע בלילה הראשון אמר להם איני שומע לכם לבטל ממני מלכות שמים אפי׳ שעה אחת: ו רחץ לילה הראשון שמתה אשתו אמרו לו תלמידיו לא למדתנו רבינו שאבל אסור לרחוץ אמר להם איני כשאר כל אדם אסטנים אני: ז וכשמת טבי עבדו קבל עליו תנחומין אמרו לו תלמידיו לא למדתנו רבינו שאין מקבלין תנחומין על העבדים אמר להם אין טבי עבדי כשאר כל העבדים כשר היה: ח חתן אם רצה לקרות קריאת שמע לילה הראשון קורא רבן שמעון בן גמליאל אומר לא כל הרוצה ליטול את השם יטול: מי

---

טראכט ער שון ניט מעהר צו זי איז א בתולה. ווארום ווען אפילו זי איז ניט קיין בתולה וועט ער איהר שון אויך מוחל זיין (תוי״ט): [מעשה ברבן גמליאל] עס איז געווען דמעשה ביי רבן גמליאל [שקרא בלילה הראשון שנשא] אז ער הט גלייענט קריאת שמע דיא ערשטי נאכט פון דר חתונה [אמרו לו תלמידיו] האבן די תלמידים צו אים גזאגט [לא למדתנו רבינו] רבינו דו האסט דאך אונז גלערינט [שחתן פטור מקריאת שמע] אז א חתן איז פטור פון קריאת שמע [בלילה הראשון] די ערשטי נאכט [אמר להם] הט ער זיי געענפערט [איני שומע לכם לבטל ממני מלכות שמים] איך וויל ניט מבטל זיין פון מיר מלכות שמים [אפילו שעה אחת] אפילו איין שעה: ו [רחץ לילה הראשון] רבן גמליאל האט זיך געוואשן די ערשטי נאכט [שמתה אשתו] וואס זיין ווייב איז אים געשטארבן [אמרו לו תלמידיו] האבן די תלמידים צוא אים געזאגט [לא למדתנו רבינו] דו האסט אונז געלערינט (שאבל אסור לרחוץ) אז איין אבל טאר זיך ניט וואשן (אמר להם) הט רבן גמליאל זיי געענפערט (איני כשאר כל אדם) איך בין ניט גליך צו אלי מענטשן [אסטנים אני] איך בין א שוואכר מענטש. אאבל טאר זיך ניט וואשן אז ער מיינט דאס פאר תענוג. אבר אז ער וואשט זיך ווייל ער דארף צום געזונד מעג ער זיך וואשן אפילו אין אבילות: ז (וכשמת טבי עבדו) אונ אז טבי דר קנעכט (עבד כנעני) פון רבן גמליאל איז געשטארבן (קבל עליו תנחומין) האט ער אויף איהם מקבל געוועזן טרייכטונג ווי מען איז מנחם אבל. (המקום ינחם אותך) גאט זאל דיך טרייסטן (אמרו לו תלמידיו) האבן די תלמידים צו אים געזאגט [לא למדתנו רבינו] דו האסט דאך אונז געלערינט (שאין מקבלין תנחומין על העבדים) אז מען איז ניט מקבל קיין טרייסטונג אויף א קנעכט מיט דעם לשון המקום ינחם אותך) נאר מיט דעם לשון המקום ימלא חסרונך גאט זאל דר פילן דיין שאדן. אזו ווי מען זאגט אויף איין אנדער שאדן וואס א מענטש הט: (אמר להם) הט ער זיי געענטפערט (אין טבי עבדי כשאר כל העבדים) טבי מיין קנעכט איז ניט גלייך צו אלי קנעכט (כשר היה) ער איז געווען א פרומער: (ח) (חתן אם רצה לקרות קריאת שמע) א חתן אז ער וויל לייענען קריאת שמע (לילה הראשון) דיא ערשטי נאכט (קורא) מעג ער לייענען: (רבן שמעון בן גמליאל אומר) רבן שמעון בן גמליאל זאגט (לא כל הרוצה ליטול את השם) ניט יעדר וואס וויל זיך נעמן א נאמן (אונ ווייזן אז ער איז פריסר שי

ביטל לכוין לבו. ואין הלכה כרבן שמעון בן גמליאל. ואיכא לקמא מרבותינו דאמרי דהאידנא כל אדם יקרא קריאת שמע בלילה הראשון שכיון שבדורות הללו אין מכוונים כל כך בשאר ימים אם לא יקרא בלילה ראשון מיחזי יותר כיוהרא שמראה עצמו שהוא מכוין בכל פעם אלא שעושה משום דטריד במצוה:

(פר' ג) **מי שמתו מוטל לפניו**. אחד מן הקרובים שחייב להתאבל עליהם מוטל עליו לקברו: **פטור מק"ש**. משום דטריד טרדא דמצוה: **וחלופיהן**. שכן דרך שמתחלפין לפי שהכל רוצים לזכות במצוה: **את שלפני המטה**. המזומנים לשאת כשתגיע המטה אצלם: **את שלאחר המטה**. כלו' בין אותם שלפני המטה ובין אותם שלאחר המטה אם המטה צריכה להם לשאתה פטורים: **ואת שאין למטה צורך בהם**. כגון ההולכים ללוות את המת לכבודו בלבד חייבין: **אלו ואלו פטורין מן התפלה**. דלאו דאורייתא היא כמו ק"ש ואיכא דאמרי מפני שהיא צריכה כונה יתירה: **ב להתחיל ולגמור**. פרשה אחת של ק"ש: **לשורה**. שהיו עושים שורות סביב האבל לנחמו בשובם מן הקבר: **ואם לאו**. שהיה הדרך קרוב מן הקבר עד המקום

פ"ג **מי שמתו** מוטל לפניו פטור מק"ש ומן (ס"א ל"ג התפלה) ומן התפילין (במשנה שבגמרא איתא ומכל מצות האמורות בתורה) נושאי המטה וחלופיהן וחלופי חלופיהן את שלפני המטה ואת שלאחר המטה את שלמטה צורך בהן פטורים ואת שאין המטה צורך בהן חייבין. אלו ואלו פטורים מן התפלה: **ב** קברו את המת וחזרו אם יכולין להתחיל ולגמור עד שלא יגיעו לשורה יתחילו ואם לאו לא יתחילו. העומדים בשורה

הפנימים

---

אלע (יחיד) קענן זיך נעמן. נאר יעדר מענטש דארף טאהן ווי אלע מענטשן טוהען. אלע החנים לייענן ניט קיין קריאת שמע די ערשטי נאכט דארף ער אוך ניט לייענן:

פרק ג [מי שמתו מוטל לפניו] ווער זיין טויטער ליגט פאר אים אונ ער איז מחויב עוסק צו זיין אין זיין קבורה [פטור מקריאת שמע ומן התפלה ומן התפילין] איז ער פטור פון קריאת שמע אונ פון תפלה אונ פון תפילין [ומכל מצות האמורות בתורה] אונ פון אלע מצות וואס שטייט אין דער תורה [נושאי המטה] די וואס טראגין איצט די מטה [וחלופיהן] אונ די וואס וועלין בייטין די מענטשין וואס טראגין איצט די מטה [וחלופי חלופיהן] אונ די וואס וועלין בייטין די מענטשין וואס זייא האבן גיבייטן די ערשטע מענטשן [את שלפני המטה] כאטי דיא אלע מענטשין זענען פאר דער מטה [ואת שלאחר המטה] אדער זייא זענין נאך דער מטה. איז דער דין [את שלמטה צורך בהן חייבין] אוב די מטה ברויך זיי צום העלפן טראגן זענן זיי פטור פון אלע מצות. אונ די וואס וועלין ניט טראגין די מטה זיי גייען נאר צו דר לויה די זענן חייב אין אלע מצות [אלו ואלו פטורים מן התפלה] נאר פון תפלה זענן אלע פטור וויל תפלה ברויך מען שטארק מכוין צו זיין אונ זייערע גידאנקן זענן ניט בייא דר לויה צו מכוין זיין צו תפלה: ב [קברו את המת וחזרו] ווען זיי האבין שוין דעם מת באגראבן אונ האבן זיך אום גיקערט פון קבר [אם יכולין להתחיל ולגמור] אויב זייא קענן אנהויבין צו לייענן ק"ש אונ אויס לאזן די ערשטע פרשה [עד שלא יגיעו לשורה] איידער די אבלים וועלין קומען צוגו דר שורה (דאס איז צווייא שורות מענטשין שטייען פון צווייא זייטע אונ נאך דר קבורה גייט דער אבל דורך די שורות אונ אלע זענן אים מנחם) [יתחילו] זאלין זיי אנהייבין צו לייענען [ואם לאו לא יתחילו] אונ אוב ניט זאלין זייא גאר ניט אן הייבין [העומדים בשורה] די וואס שטייען אין דר

**הפנימים פטורים והחיצונים חייבין: ג נשים ועבדים וקטנים פטורין מק"ש ומן התפילין וחייבין בתפלה ובמזוזה ובברכת המזון: ד בעל קרי מהרהר בלבו ואינו מברך לא לפניה ולא לאחריה. ועל המזון מברך לאחריו ואינו מברך לפניו. ר' יהודה אומר מברך**

מקום שבו עומדים בשורה ואין פנאי להתחיל ולגמור עד שלא יגיעו לשורה: **הפנימים.** הרואים פני האבלים: **והחיצונים** שאינם רואים פני האבלים: **ג נשים ועבדים פטורים מק"ש.** אע"ג שהיא מצות עשה שהזמן גרמא וכל מצות עשה שהזמן גרמא נשים פטורות סד"א לחייבן הואיל ואית בה מלכות שמים קמ"ל: ותפילין מצות עשה שהזמן גרמא הם דלילה ושבת לאו זמן תפילין נינהו וסד"א הואיל ואתקש תפילין למזוזה נשים נתחייבו קמ"ל: **קטנים.** אפי' קטן שהגיע לחינוך לא הטילו על אביו לחנכו בק"ש לפי שאינו מצוי תמיד אצלו בשעת ק"ש ולא בתפילין משום דסתם קטן אינו יודע לשמור תפיליו שלא יפיח בהן: **וחייבין בתפלה.** דתפלה רחמי היא ומדרבנן היא ותקנוה אף לנשים ולחנך בה הקטנים: **ובמזוזה.** דמהו דתימא הואיל ואתקש לתלמוד תורה כי היכי דנשים פטורות מת"ת דכתיב (דברים י"א) ולמדתם אותם את בניכם ולא את בנותיכם הכי נמי תיפטרו ממזוזה אע"פ שהיא מצות עשה שלא הזמן גרמא קא משמע לן: **בברכת המזון.** מהו דתימא אין חיובה בברכת המזון מדאורייתא כיון דכתיב (שם ח') ואכלת ושבעת וברכת הויא ליה מצות עשה שלא הזמן גרמא או מה שאין חיובה מדאורייתא משום דכתיב (שם) על הארץ הטובה אשר נתן לך והארץ לא נתנה לנקבות ולא אתפיסא: **ד בעל קרי.** עזרא תקן שלא יקרא בעל קרי בתורה בין בעל קרי לאונסו בין לרצונו עד שיטבול. ולא מפני טומאה וטהרה שאין דברי תורה מקבלין טומאה אלא כדי שלא יהיו תלמידי חכמים מצויין אצל נשותיהן כתרנגולים: **מהרהר.** ק"ש בלבו כשהגיע זמן המקרא: **ואינו מברך לפניה ולאחריה.** ואפילו בהרהור כיון דברכות לאו דאורייתא לא אטרחוהו רבנן: **ועל המזון מברך לאחריו.** דחובה דאורייתא הוא ואינו מברך לפניו דלאו חובה דאורייתא היא וכבר נפסקה הלכה דבטלוה לטבילותא ובעלי קריין קורין ק"ש כדרכן ושונין בתורה ומתפללין ומברכין

---

שורה [הפנימים] די אינווייניגסטע וואס זעהן דעם אבל [פטורים] זענן פטור פון ק"ש [והחיצונים חייבין] אונ די אויס ווייניגסטע וואס זעהן ניט דעם אבל זענן חייב צו לייענן ק"ש : ג [נשים ועבדים וקטנים] ווייבר אונ קנעכט (כנענים) אונ קליינע קינדר [פטורין מקריאת שמע ומן התפילין] זענן פטור פון ק"ש אונ פון תפילין [וחייבין בתפלה ובמזוזה ובברכת המזון] זייא זענן חייב צו דאוונען אונ צו מאכין המזוזה אונ צו בענטשין נאך דעם עסין : ד [בעל קרי מהרהר בלבו] ווען איינער זעהט קרי איז ער טמא אונ ער מוז זיך טובל זיין אונ פר דר טבילה טאר ער ניט לערנן . זאגט די משנה אז ער מעג פאר דר טבילה טראכטין אין הארצין ק"ש נאר ניט ארויס ריידין די ווערטער. וויל ק"ש איז אמענטש מחויב צו לייענן מן התורה האט מען דאס ניט געוואלט פון אים מבטל זיין [ואינו מברך לא לפניה ולא לאחריה] אבער די ברכות וואס פאר ק"ש אונ וואס נאך ק"ש וואס דאס איז מדרבנן טאר ער ניט לייענן פאר דר טבילה אפילו טראכטענדיק : [ועל המזון מברך לאחריו] אונ ער בענטשט נאך דעם עסין טראכטענדיק . ווארום דאס איז מן התורה [ואינו מברך לפניו] אבער די ברכה וואס פאר דעם עסין טאר ער ניט מאכין אפילו טראכטענדיק ווארום דאס איז מדרבנן [ר' יהודה אומר מברך לפניה ולאחריה] ר' יהודה קריגט אויף דעם ערשטן תנא אונ זאגט סיי ק"ש אונ בענטשין סיי די

מברך לפניהם ולאחריהם : ה היה עומד בתפלה ונזכר שהוא בעל קרי לא יפסיק אלא יקצר . ירד לטבול אם יכול לעלות ולהתכסות ולקרות עד שלא תנץ החמה יעלה ויתכסה ויקרא . ואם לאו יתכסה במים ויקרא . אבל לא יתכסה לא במים הרעים ולא במי המשרה . עד שיטיל לתוכן מים . וכמה ירחיק מהן ומן הצואה ארבע אמות : ו זב שראה קרי ונדה

מברכין כל הברכות ואין נפטר בדבר : ה לא יפסיק. תפלתו לגמרי אלא יקצר כל ברכה וברכה : ולקרות עד שלא תנץ החמה. שהותיקין מדקדקים על עצמן לגמור אותה עם הנץ החמה דכתיב (תהלים עב) ייראוך עם שמש : יתכסה במים. ודוקא מים עכורים שאין לבו רואה את הערוה אבל צלולים לא: במים הרעים. מים סרוחים: במי המשרה. מים ששורין בהם פשתן :

עד שיטיל לתוכן מים. חסורי מחסרא והכי קתני ולא יקרא אלא מי רגלים עד שיתן לתוכן מים ושיעור המים שיטיל למי רגלים של פעם אחת רביעית : וכמה ירחיק מהם. מן המי רגלים שלא הטיל לתוכן מים ומן הצואה : ארבע אמות. ודוקא כשהוא לצדדים או לאחריו אבל לפניו מרחיק כמלא עיניו : ו זב שראה קרי. אף על פי שטמא טומאת שבעה משום זיבה ואין טבילה

---

